- ביז ווי ס'איז געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים, וואס דעמולט איז געווען עשרה ניסים נעשו לאבותינו (אבות פ"ה מ"ה), האבען אים די ניסים מכריח געווען פירן זיך ווי ס'דארף צו זיין, בדוגמא ווי דער רשב"ם זאגט בפיעה"ת (ראה יד, כג) אז ווען א איד איז געקומען אין ירושלים כדי צו ברייגגען מעשר שני וכו', און ער האט געזעהן כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם וישראל במעמדם, האט דאס אויף אים משפיע געווען בנוגע צו דעם ענין פון ירא"ש, אויך ווען ער איז געקומען צו זיך אהיים -

אבער דאס איז געווען דער אויר און דער מעמד ומצב פון ירושלים, זייענדיק אבער מחוץ לירושלים, און נאך איידער עס איז געבויעט דער ביהמ"ק און ער זעהט די עשרה ניסים בעיני בשר, זאל ער דעמולט פירן זיך ווי ס'דארף צו זיין, - שרייט ער אז ער האט מודעא רבה לאורייתא. איז אט דאס זאגט אן פורים, און גיט כח, אז ס'זאל זיין דער "קיבלו עליהם ועל זרעם", און דאס איז קיימו מה שקיבלו כבר, ד.ה. א הוספה אויף דעם וואס ס'איז געווען פריער, אז מ'זאל לערנען תורה ניט נאר ווי מ'האט געלערנט פריער, נאר מעלין בקודש, מיט א הוספה - לאפשא לה - סיי בכמות סיי באיכות, און מוסיף זיין אין הידור בקיום המצוה, לויט דעם ציווי פון מעלין בקודש, און טאן די אלע ענינים מיט א שמחה גדולה ביותר, וואס בלשון הרמב"ם (סוף הל' לולב) איז דאס אן עבודה גדולה.

און דעמולט ברייגגט פורים אראפ דעם סימן גאולה לגאולה, וויבאלד אז דער גאנצער ענין פון גלות איז דאך "מפני חטאנו", איז בשעת ער אֵלְז מחליט בהקיפוה, און ער הויבט אן אין דעם ענין פון מיטע זיין הסאינו, און איז מחליט אינגאנצען מבטל זיין דעם ענין, אט דעמולט איז מחשבה טובה הקב"ה (גלייך) מצרפה למעשה (קידושין מ, א), אז דאס ווערט פארעכענט ווי א מעשה, און דערנאך קומט דער פירוש (סה"מ תש"ס ע' 21) אין מצרפה למעשה, אז דער אויבערשטער לייגט דאס צו צו א מעשה, אז ער גיט אים די געלעגנהייט ער זאל טאן אויך דעם מעשה בפועל.

ביז אז ס'וועט זיין דער יקום מלך מבית דוד ויכוף כל ישראל ללכת בדרכה ולחזק בדקה, וילחום מלחמת ה' וינצח, ויבנה ביהמ"ק במקומו, וועט זיין דער ויקבץ נדחי ישראל, בקרוב ממש, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו.

ו. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה איש יהודי וגו'.

ז. מ'האט גערעדט פריער, אז דער ענין פון פורים איז, אז ס'איז פריער געווען קיבלו כבר, און פורים טוט אויף קיימו מה שקבלו כבר, וואס דערפון איז א הוראה בנוגע דעם ענין פון מעלין בקודש, ווי דאס קומט אראפ בהנוגע צו תורה בכלל, וואס דערנאך איז דאס דאך אויכעט ליכוד מביא לידי מעשה, כולל כל המצוות, איז דער קיימו מה שקיבלו כבר - וואס דאס איז ראך אן ענין עיקרי אין ימי הפורים, (ווי פארשטאנדיק אויכעט אין פשטות הכתובים פון דער מגילה,) מעורר און מעודד און מחזק און מאנט דעם ענין פון מעלין בקודש, וואדום קיימו מה שקיבלו כבר מיינט אז דאס וואס ער האט זיך נוהג געווען ווי ס'דארף צו זיין ביז איצטער, איז וויבאלד אז דורך דעם וואס נהג בו כמה פעמים איז הרגל נעשה טבע, (ביז וואנעט ווי ס'איז ע"פ דין, אז אויב ס'איז שוין ג' פעמים ווערט עס שוין אנגערופען אז ער איז רגיל בזה), איז דאס שוין ניט מספיק, און ער דארף אין דערויף מוסיף זיין, אז ער זאל

- דאס -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 634 הודפס ע"י אוצר החכמה

דאס טאן ניט כצד ההכרח וואס ער איז רגיל בזה, נאר עס ווערט ביי אים דער קיימו מה שקיבלו כבר - מעלין בקודש (כנ"ל).

וואס דאס איז דער ענין כללי פון פורים - דער ענין פון קיימו מה שקיבלו כבר, וואס דערפאר שטייט דאס מיט מערער הדגשה אין די מצווה העיקריות פון פורים, וואס דאס זיינען: דער ענין פון משלוח מנוה; דער ענין פון מתנוה לאביונים; און דערפון איז אויכעט פארשטאנדיק בהנוגע צו מקרא מגילה, וכדלקמן.

די אלע דריי ענינים הנ"ל, בשעה מען נעמט זייער נקודה, איז לכאורה ניטא אין זיי לגמרי קיין אויפטו: אין דעם ענין פון מתנוה לאביונים, איז דאך לכאו' ניטא קיין אויפטו, ווארום ער גיט דאך א מתנה צו אן אביון אויך במשך כל השנה, וואס דעמולט איז דאך דא דער ציווי פון פתוח תפתח (דברים טו, ח) אפילו מאה פעמים (ספרי עה"פ), איז וואס טוט אויף אין דערויף דער ענין פון פורים?

נאר דער פשט איז, אז כל השנה כולה איז ער ניט מחוייב ארום לויפען זוכען א עני, בשעת עס קומט אבער פורים, האט ער דעמולט א ציווי, צי ער האט אן עני, צי ער האט ניט קיין עני, דארף ער גיין און זוכען, ביז וואנעט ער וועט געפינען אן עני ואביון, און נאכמער, עס איז ניט מספיק איינער, נאר עס דארף זיין בכפליים, און דוקא דעמולט איז ער מקיים דעם ענין פון להחיות רוח נדכאים, ווי ער זאגט אין רמב"ם (סוף הל' מגילה), דורך דערויף וואס ער גיט לכה"פ מתנוה לאביונים לשון רבים, לשני אביונים.

עד"ז אין משלוח מנוה איש לרעהו, איז וואס דער טעם אין דערויף זאל ניט זיין, (און בפרט נאך לויט די מפרשים ברי טמכא (מנות הלוי למהר"ש אלקבץ) וואס זיי שרייבען אז דער טעם איז כצד דעם ענין פון קירוב הלבבות, אז מ'ווערט דורך דערויף אן אהבה בין איש לדעהו, וכמבואר גדולה לגימה שמקרבה, וואס דאס איז דאך בטבע ב"א, אפילו ביי ניט אידן, עאכו"כ ביי אידן וואס זיי זיינען גומלי הסדים, און אפילו אז דאס זאל זיין צוליב אן אנדער טעם,) אבער די פעולה טוט דאך אויף אין ואהבת לרעך כמוך, וואס דאס איז א מצות עשה מן התורה. און נאכמער: דאס איז א מצוה וואס מען זאגט אז זי איז א "כלל גדול בתורה" (ירושלמי נדרים פ"ט ה"ד), [בדוגמא ווי מ'זאגט אויף מתנות לאביונים, אז צדקה לעניים איז דאס א מצוה, וואס שקולה כנגד כל המצוות (ב"ב ט, א), ומקרבת אה הגאולה (שם י, א), ובפרט ווי דער אלטער רבי ברייננט אדאפ אין תניא (פל"ז) אז אין ירושלמי נקראת בשם מצוה סתם, און ער איז מבאר בארוכה דער טעם און די סברה שבדבר], איז דער ענין פון ואהבת לרעך כמוך דארף דאך זיין בכל השנה, איז וואס טוט אויף אין דערויף דער ענין פון פורים?

נאר דער ביאור איז, פונקט אזוי ווי ביי מתנות לאביונים טוט אויף פורים אז ער דארף ארום לויפען זוכען אן אביון, און עס איז ניט גענוג איינער, נאר ער דארף געפינען צוויי, עד"ז אין דעם ענין פון ואהבת לרעך כמוך, איז בכל השנה ניטא קיין חיוב ער זאל אדומלויפען זוכען רעך, און טאן ענינים אין וועלכע עס דריקט זיך אוים דער ואהבה לרעך כמוך, אבער אז עס קומט פורים, דארף ער זוכען רעהו, און טאן ענינים אין וועלכע ס'דריקט זיך אויס דער ואהבת לרעך כמוך - געבען משלוח מנות, און ס'איז ניט מספיק איין ענין, נאר עס דארף זיין מנוה לשון רבים - צוויי מנות, און ערשט דעמולט האט ער מקיים געווען דעם

- חיוב -

<u>הנחת הת' בלהי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 635 הודפס ע"י אוצר החכמה

חיוב פון משלוח מנות בפורים כדבעי.

וואס דערפון זעהט מען ווי אזוי אין פורים איז דא דער קיימו מה שקיבלו כבר, ווארום דאס זיינען דאך ענינים, פון א גאנץ יאר, קיבלו כבר, (נאר דאס איז מיט א הוספה און מיט א הדגשה כנ"ל) אין דעם ענין פון משלוח מנות, טוט ער דאך א פעולה וואס איז פארבונדען מיט א פרט אין ואהבת לרעך כמוך, און מתנות לאביונים וואס דאס איז דאך אן ענין פון צדקה ממש, און פורים טוט אויף אין דערויף דעם קיימו (מה שקיבלו כבר), אז ס'דארף זיין מיט א הוספה - מעלין בקודש (כנ"ל).

עד"ז איז אויכעט אין קריאה המגילה, וואס ס'איז דאך ידוע די אריכות אין חת"ס (יו"ד סי' רלג, וראה או"ח סי' קצא) וואס ער פרעגט, ווי אזוי האט מען געקענט מוסיף זיין דעם ענין פון פורים, און ער ברייננגט אראפ פון מדרשי רז"ל אז מצא לו רמז בתורה, און ער איז מסביר דארטן אז דעם רמז בתורה דארף מען האבען אויף די פרטי הדברים, משא"כ אויפן כללות הענין פון מספר זיין דעם נס, איז דאס א ק"ו: מה-דאך ביי גאולת מצרים, וואס דאס איז געווען משעבוד לחירות, ומאפילה לאור גדול, איז דא דער חיוב לספר ביציאת מצרים, איז מכש"כ אין דעם ענין פון פורים, וואס דעמולט איז געווען דער "ונהפוך הוא". לחיים, פון היפך החיים, און ווי ער פירט דארטען אויס אז דאס איז מן ההורה נאר בנוגע די פרטים בדבר איז מן ההורה ווייסט מען ניט צי ס'דארף זיין אריכות הסיפור במגילה, און לשנותה ביום מיט אלע פרטי קריאת המגילה - אט דאס איז מדגיש פורים אין דער מצוה וואס זי איז מן ההורה - די פרטים שבדבר, ע"ד ווי פורים איז מדגיש די פרטים בנוגע צו משלוח מנות איש לרעהו און מתנות לאביונים וואס דאס איז דא אויך בכל השנה כנ"ל, איז פורים מדגיש אין דערויף די פרטים, אז ס'דארף זיין שתי מנות, און לשני אביונים. וואס דא זעהט מען אויך דעם ענין פון קיימו מה שקיבלו כבר - דאס איז דאך א מ"ע מה"ת, נאר דא איז קיבלו מיט א הדגשה כנ"ל.

כאמור לעיל ס'איז דא די חקירה צי משלוח מנות איש לרעהו איז אן ענין וואס האט א טעם, און דער טעם איז דער ענין פון קירוב הלבבות, אדער דאס איז מדה כנגד מדה, אז וויבאלד "ישנו מפוזר ומפורד" (מגילה יב, א) דארף מען דערפאר האבען דעם היפך דערפון, משלוח מנות פון א אידן צו א אידן, און דאס עסט ער בפורים.

עד"ז איז דא א חקירה בהנוגע צו דעם ענין פון מתנות לאביונים, צי דאס איז דער ענין פון מצות הצדקה צי ניט (וכדלקמן), און ווי מען ברייננגט אויף דערויף (שו"ת כת"ס או"ח סי' קל"ט) דאס וואס דער מגן אברהם (ר"ס הרצב) זאגט פון של"ה (ומהרי"ל סי' נו), אז מתנות לאביונים און משלוח מנות איש לרעהו, קען מען ניט מקיים זיין פון מעות מעשר, וואס דאס רעדט זיך וועגען מעשר וואס הפריש לצדקה.

וואס לכאורה אז ער גיט דאס אפ צו אן עני בפורים, איז פארוואס זאל ער דערמיט ניט קענען יוצא זיין ביידע זאכען, סיי מתנות לאביונים, סיי דער ענין וואס ער האט אויפגעטאן מיט דעם מעשר, וואס ער האט מפריש געווען לצדקה, זאגט מען דאך די הסברת הטעם אויף דעם, אז דאס איז ניט דערפאר וואס מתנות לאביונים איז ניט דער ענין הצדקה, נאר דאס רעדט זיך וועגען מעשר וואס ער האט שוין מפריש געווען, און וויבאלד אז ער האט דאס שוין מפריש געווען, איז זכו בו עניים - אע"פ וואס אין לו תובעים, ווארום ער האט דאס נאך ניט געגעבען צו אן עני פרטי - איז דאס ניט זיינע, ובמילא קומט אויס אז ער איז מקיים זיינע א מצוה;

- משלם -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 636 הודפס ע"י אוצר החכמה

משלם זיינעם א חוב (פון מתנות לאביונים), מיט די מעות פון עניים, וואס דערפאר איז ער ניט יוצא.

וואס דערפון קומט דאך אויס, אז אויב ער וועט געבען מתנות לאביונים און דערנאך וועט ער דאס אראפ רעכענען פון מעשר; אריין רעכענען אין דער חשבון וואס ער גיט מעשר; וכיוצא בזה בשאר עניני צדקה – איז לויט דער שיטה אין דערויף ניטא קיין סתירה, ווארום מתנות לאביונים איז אויך דער ענין פון צדקה קען ער דאס טאן.

וואס לשיטה זו ווערט פארשטאנדיק א הכ׳ אין רמב"ם: דער רמב"ם (הל׳ מגילה פ"ב הט"ו ואילך) ברענגט פריער דעם דין אז סעודת פורים ושמחת פורים דארפן זיין עד שישתכר וירדם בשכרותו; דערנאך זאגט ער אז עס דארף זיין ומתנות לאביונים, מיט די פרטי הדינים בזה; און דערנאך איז ער ממשיך, אז פונדעסטוועגן, איז "מוטב להרבות במתנות לאביונים מלהרבות בסעודתו ובשלוח מנות לרעיו שאין שם שמחה גדולה ומפוארה אלא לשמח לב עניים יתומים ואלמנות וגרים", און דערנאך איז ער ממשיך "שהמשמח לב האמללים האלו דומה לשכינה, שנאמר להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים" (ישעי׳ נז, טו).

וואס פון דעם וואס דער רמב"ם פארבינדט דעם ענין פון לשמח לב עניים וכו׳ מיט דעם ענין פון להחיות רוח שפלים, איז פארשטאנדיק אז ער נעמט אן בפשטות, אז דער ענין פון מתנות לאביונים, איז דאס דער ענין פון להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים – דער ענין הצדקה, ווארום אויב דאס וואלט געווען ניט אן ענין פון צדקה, נאר א מצוה בפני עצמה ווי שאר המצוות, איז וואס זאגט דער רמב"ם אז ער דארף מוסיף זיין אין מתנות לאביונים דערפאר וואס דאס איז אן ענין פון צדקה וכו׳ – מתנות לאביונים איז דאך ניט דער ענין פון צדקה, מוז מען זאגן אז דאס איז דער ענין פון צדקה.

אין דערויף קומט אויך צו דאס וואס מען שטעלט זיך אויף דערויף וואס דער רמב"ם איז דא מוסיף אז דאס איז א שמחה גדולה ומפוארה:

דלכאו׳ וואס איז דא די שייכות פון מרבה זיין בצדקה צו פורים דוקא. אה"נ אז מרבה זיין בצדקה איז א גרויסע זאך, וואס איז אבער די שייכות דוקא צו ימי הפורים וואס דער רמב"ם זאגט אז בימי הפורים דארף זיין א הדגשה אין מרבה זיין בצדקה, אויב מצד דערויף וואס צדקה האט א מעלה וואס ע"ז איז ער דומה לשכינה וכו׳, איז דאך דאס א מעלה כל השנה כולה, און מיט וואס איז דאס מערער בימי הפורים?

איז דער ביאור בזה אז דער פארבונד פון מתנות לאביונים מיט דעם ענין פון פורים איז, דערפאר וואס דאס איז א "שמחה גדולה ומפוארה": דער ענין פון צדקה בכל השנה כולה, איז די הדגשה אין דערויף מערניט ווי מצד דעם ענין של צדקה בפ"ע, דערנאך איז דאך אויך דא נאך אן ענין אין צדקה – דאס וואס ער איז משמח דעם עני, ווי מ׳זעהט דאס בפועל, אז אן עני וואס באקומט צרכי נפשו (וכהלשון: החיית אותו (תנחומא משפטים כ)) שטייט אין א תנועה של שמחה, וואס דאס איז וואס דער רמב"ם איז מוסיף אז מתנות לאביונים איז א שמחה גדולה ומפוארה, ווארום ימי הפורים זיינען דאך ימי משתה ושמחה, איז אזוי ווי ער איז מחוייב משמח זיין זיך, איז ער מחוייב אויך משמח זיין דעם אביון דורך מתנות לאביונים, וואס דערפאר איז דא די הדגשה בימי הפורים אויף מרבה זיין בצדקה, ווארום ימי הפורים זיינען ימי משתה ושמחה.

- און -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 637 הודפס ע"י אוצר החכמה

און פון דעם וואס ער ברייגנט דעם ענין פון שמחה גדולה ומפוארה צוזאמען מיט להרבות בסעודהו, ולהרבות במשלוח מנות איש לרעהו, איז פארשטאנדיק אז דער חילוק איז מערניט צו דאס איז (א שמחה) "גדולה ומפוארה", אבער דער ענין השמחה איז דא אין די אלע דריי ענינים, נאר דא (במתנות לאביונים) איז דאס גדולה ומפוארה, און דא (בשאר הענינים) איז דאס לאו דוקא גדולה ומפוארה (ראה לקו"ש חי"א ע' 338 הערה "ובגדי הפורים").

ד.ה. אז מלשון הרמב"ם איז משמע, אז ער לערענט אז דער ענין פון מתנות לאביונים, איז נוסף אויף דעם ענין הצדקה שבו, קומט צו בפורים א נקודה וואס איז פארבונדען במיוחד מיט פורים, וואס דאס איז דער ענין השמחה, און פורים איז ימי משתה ושמחה. און נאכמער: משלוח מנות איש לרעהו איז אויך אן ענין של שמחה, ע"ד ווי סעודהו, וואס ס'דארף זיין אזא מין סעודה ווי ער זאגט פריער, עד שישתכר וירדם בשכרותו, אזא מין שמחה עד דלא ידע, ס'איז אבער ניט קיין שמחה גדולה ומפוארה, נאר ביי מתנות לאביונים איז דא די שמחה גדולה ומפוארה.

וואס דערמיט איז פארענטפערט, פארוואס עפעס איז די מעלה אין מתנות לאביונים, אויב מצד דערויף דלכאו' וואס דומה לשכינה, איז דאך דאס פורים גלייך אזוי ווי כל השנה כולה, און וואו איז דא א חיוב אויף פורים זיין בדומה צו שכינה מער ווי ערב פורים אדער נאך פורים?

נאר וויבאלד אז פורים איז דאך ימי משתה ושמחה, און ווי ער זאגט פריער אז ס'דארף זיין א שמחה עד שישתכר וירדם בשכרותו, וואס דערפאר דארף מען האבען א שמחה גדולה ומפוארה, וואס דאס איז דורך מתנות לאביונים. נאר עס קען דאך זיין א שמחה גדולה ומפוארה אין להרבות בסעודתו אדער אין להרבות במשלוח מנות, זאגט ער אבער אז אזא מין שמחה גדולה ומפוארה ווי בשעה ער איז מרבה ביי מתנות לאביונים, איז דאס איז ניטא ביי די פריערדיקע צוויי, און דערמיט האט דאס א שייכות מיוחדת צו פורים וואס איז ניטא בכל ימות השנה כולה, ווארום בכל השנה איז ניטא קיין חיוב אויף א שמחה גדולה ומפוארה, משא"כ בפורים איז דא דער חיוב פון חייב איניש לבסומי עד דלא ידע, וואס דערפאר איז די הדגשה אויף מתנות לאביונים - שמחה גדולה ומפוארה, און דערמיט איז פארשטאנדיק נאך א חילוק: דער זעלבער דין אז מען דארף משמח זיין א גר יתום ואלמנה און עניים בכלל, איז דא אויכעט בנוגע צו יו"ט, "ושמחת גו' אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך" (ראה טז, יא), און דערנאך איז ער ממשיך "והלוי גו' והגר והיתום והאלמנה", און ווי רש"י זאגט ארבעה שלי כנגד ארבעה שלך, אם אתה משמח את שלי וואס דאס זיינען הנ"ל, אני משמח את שלך - בנך ובתך ועבדך ואמתך, ווי דער רמב"ם (פ"ו מהל' יו"ט הי"ח) איז מאריך אז אויב ער איז משמח זיך, און ניט משמח אט די אלע, איז דאס ניט שמחה מצוה, נאר דאס איז א שמחת כריסו, און ברייגנט אראפ אויף דערויף א שארפען פסוק וכו' כמבואר אין הלכות יו"ט, אבער ער ברייגנט דארטן ניט אראפ דעם ענין אז וויבאלד אז ס'דארף זיין ושמחת בחגיך, איז אין לך שמחה גדולה ומפוארה ווי דאס איז בשעה ער גיט לאביונים ווי ער ברייגנט דא.

עד"ז איז דא נאך א חילוק, וואס דאס איז דער חילוק אין דין (און דערמיט איז פארשטאנדיק וואס דער רמב"ם איז דארטן מאריך), לכאורה האט דער רמב"ם געדארפט שרייבן אין הלכות יו"ט אז ער דארף משמח זיין עניים, א גר, יתום ואלמנה, און אויב ניט, איז דאס ניט קיין שמחה

- של -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 638 הודפס ע"י אוצר החכמה

של מצוה נאר שמחת כריסו, כאכט אבער דער רמב"ם א הקדמה בזה, אז אויב ער איז נועל דלתות חצירו, ער פארשליסט זיין הויז, און גיט ניט די עניים, גר, יתום ואלמנה, אט דעמולט איז דאס ניט קיין שמחה מצוה, נאר שמחת כריסו, משא"כ שמחה פורים זאגט ער דאס ניט.

וואס דער חילוק איז בפשטות, ביו"ט אויב ס'איז ניטא א מציאות פון אן עני, גר, יתום ואלמנה בשכונתו קען ער מקיים זיין ושמחת בחגיך בשלימות, עס וועט אים גארניט פעלן, און עס וועט זיין א שמחה מצוה, ווען איז דא די שמחת כריסו, אויב נועל דלתות וכו'.

משא"כ ביי פורים, איז אויב ער האט ניט קיין עני ואביון איז ער ניט מקיים מתנות לאביונים, עס קומט אים ניט קיין עונש, ווארום אונס רחמנא פטרי' (ב"ק כח, ב), אבער מכאן דעביד לא אמרינן (ירושלמי גיטין פ"ז ה"ו), במילא פעלט אים אין די שמחה גדולה ומפוארה, און דערפאר זאגט דא ניט דער רמב"ם אז אויב נועל ביתו איז וכו', ווארום אפילו אז ער איז ניט נועל ביתו נאר ער האט ניט קיין אביונים, קען ער האבען א שמחה גדולה ומפוארה להרבות בסעודתו; ער קען האבען א שמחה גדולה ומפוארה פון משלוח מנות אבער ניט אזא שמחה גדולה ומפוארה ווי ער האט ביי מתנות לאביונים.

משא"כ אבער ביי יו"ט אויב ס'איז ניטא קיין מציאות פון אן עני, גר יתום ואלמנה, פעלט אים גארניט אין ושמחת בחגיך, ווייל אין ושמחת בחגיך איז ניטא דער חיוב פון עד דלא ידע, ס'איז ניטא דער חיוב עד שישתכר וירדם בשכרות, במילא איז דאס במדידה והגבלה, וויפל ער קען טאן זאבען וואכעדיקערהייט, און במדידה והגבלה מכל יכולתו, איז אז ער האט אן עני דארף ער אים געבן; ער האט א גר יתום ואלמנה, דארף ער זיי געבען, אבער גיין זוכען. לאו דוקא, ניטא קיין חיוב אויף דעם. איי וואס וועט זיין מיט ושמחת בחגיך, איז ניטא דער חיוב פון א שמחה עד דלא ידע, און אין דעם אופן פון ידע איז ניטא דער חיוב ער זאל גיין זוכען אן עני, סיידען ער איז נועל ביתו - ס'איז דא דער עני, און ער גיט אים ניט, דעמולט איז דאס ניט קיין שמחת מצוה וכו'.

משא"כ ביי פורים וואס ס'איז דא דער חיוב (ווי געזאגט פריער) עד שישתכר, וואס דער מקור אויף דערויף איז וואס די גמ' זאגט עד דלא ידע, הייסט דאס ניט אפ אן זיין ידיעה, און ס'הייסט ניט אפ אין זיינע מעגלעכקייטען, ער דארף זיך ברייגנען ביז צו אזא מין אופן עד שישתכר וירדם משיכרותו, במילא קען ער ניט האבען קיין שמחה גדולה ומפוארה, סיידען ער זוכט און געפינט איין אביון, און א צווייטן אביון, און להרבות באביונים.

דערמיט איז אויכעט פארשטאנדיק א מאדנע זאך, וואס דער רמב"ם ברייגנט דא אראפ דוקא דעם דיוק וידמה לשכינה, וואס צדקה האט אין זיך כמה וכמה מעלות וואס שטייען בפירוש, גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה; שקולה כנגד כל המצוות כולם; אהה החיית נפש העני אז ער האט מחי' געווען נפשו ונפש ביתו, איז לימים אני מחי' כו' וואס דער שכר איז ניטא ניט ביי ואהבה לרעך כמוך; ניט ביי שמחה יו"ט; ניט ביי אנדערע מצוות, און דער רמב"ם האט דא אויסגעקליבען דוקא דעם ענין פון ידמה לשכינה.

און בפרט נאך, אז דאס איז גאר אן ענין וואס שטייט ניט אין פסוק, אז הנוהג צדקה איז ער דומה לשכינה, ס'איז מעדניט וואס אין פסוק שטייט אז שכינה טוט דעם ענין פון לההיות לב נדכאים, ובמילא

- וויבאלד -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 639 הודפס ע"י אוצר החכמה

וויבאלד אז ער טוט א זאך וואס שכינה טוט, איז ער דומה לשכינה, אבער ביי שכינה גופא איז דאך דא דער "מלוה ה' חונן דל" (משלי יט, יז), טוט ער נאך א טובה די שכינה, ניט נאר אז ער איז דומה לשכינה, נאר דורך דעם וואס ער איז חונן דל איז ער גאר מלוה ה', וואס דאס איז לכאורה נאך מעדער ווי ידמה לשכינה, ער איז נאך א משפיע כביכול, און טוט א טובה דעם אויבערשטען - מלוה ה', און כביכול עבד לוה לאיש מלוה. ווי ער זאגט אין גמ' (ב"ב י, א) אז דער אייבערשטער ווערט אן עבד כביכול ביי דעם וואס גיט צדקה לעני, איז פארוואס ברייננט דער רמב"ם דוקא דעם ענין?

נאר אט דא איז דער רמב"ם מרמז אן ענין וכדלקמן.

- וכמדובר כמ"פ אז ס'איז דא כמה רמזים אין רמב"ם, אנהייבענדיק מיט התחלת ספרו, וואס ער הויבט אן דוקא מיט פיר ווערטער וואס דער ר"ת זייערע איז דוקא הוי', בשעת ער ברייננט דערנאך אראפ אין דער הלכה אליין, דערמאנט ער ניט שם הוי'; ניט שם אלוקים, נאר ער זאגט אז יש שם מצוי ראשון שממנו נמצאו כל הנמצאים און מאמיתת המצאו וכו', און דערמאנט ניט דעם ווארט הוי'. אבער ברמז שטייט גלייך אין דער התחלה יסוד היסודות ועמוד החכמות ווי דער נכד הרמב"ם שרייבט און דער חיד"א ברייננט דאס אראפ (בשה"ג) אז דאס איז ר"ת הוי'. נאר דער פשט איז, אז דאס וואס ער הויבט אן מיט א ר"ת ברמז אויפן שם הוי' איז דאס ווייל ער איז מהווה דעם מצוי ראשון שממנו נמצאו כל הנמצאים, כמבואר באריכות במקום אחר, אז דאס איז דער מהווה פון דעם מצוי ראשון, און ווי גערעדט פריער אין דעם מאמר (ד"ה איש יהודי) אז פריער איז הי' הוא, און דאס איז מהווה דעם שמו, און פון שמו ווערט דערנאך הוי', און פון דעם הוי' ווערט דערנאך דער ענין המציאות אנהייבענדיק פון דעם מצוי ראשון -

וואס בנוגע לענינינו איז דא דער רמב"ם ניט אויסען דערציילען מהם מעלות פון נתינת הצדקה, נאר ער דארף געפינען אין דערויף א שייכות מיט א הדגשה, פארוואס איז דאס דוקא בימי הפורים ניט פאר פורים און ניט נאך פורים.

איז די ערשטע הדגשה אז דאס איז אן ענין של שמחה, און א שמחה גדולה ומפוארה, בדוגמא ווי חייב איניש לבסומי עד דלא ידע, און דערנאך ברייננט ער נאך אן ענין וואס דאס איז, אז דורך דערויף איז ער דומה לשכינה. וואס אז א נברא זאל ווערען דומה לשכינה דארף ער זיין אין אן אופן פון לא ידע, ווי דער רמב"ם איז מאריך אין הל' יסוה"ת (פ"ז ה"א-ב) אין דעם ענין פון נבואה, אז ווי אזוי איז מען מנבא ומתלבשת בו רוח הקודש, איז דאס אז ער ווערט אינגאנצען צוטומעלט ודעתו פנוי' און אפ דעמולט, אז די דעת פון כל עניני העולם ווערט בטל ס'איז <u>לא ידע</u>, קען ער ווערען א נביא ומתלבשת בו רוח הקודש וכו'.

וואס דערפאר ווען דער רמב"ם וואלט דא אראפ געבראכט דעם ענין פון מלוה הוי' חונן דל, איז דאס לאו דוקא בימי הפורים, דער חיוב מלוה הוי' חונן דל, איז דער זעלבער בפורים ווי בכל שאר ימות השנה, נאר דער אויפטו פון פורים איז אז ס'דארף זיין דער ענין פון שמחה גדולה ומפוארה, און דער ענין פון עד שישתכר ביז וואנעט <u>ירדם</u> בשיכרותו - עד דלא ידע, וואס דעמולט קען ער זיין דומה לשכינה, וואס ווי דער רמב"ם שרייבט ביי א נביא אז א חוץ משה רבינו, איז ביי אלע נביאים איז דאס געווען אדער בעת'ן שלאפען מכש, בחזיון לילה - בחלום, אדער אויב ס'איז געווען ביום ברייננט ער דארט אראפ דעם לשון בתרדמה, פונקט ווי דא דער ענין פון <u>ויירדם</u> בשיכרותו.

- וואס -



<u>הנחת הת' בלהי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 640 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז די הדגשה און די שייכות מיוחדה ליכי הפורים דוקא, ווארום דעמולט איז דא די הדגשה פון ירכה לשכינה מער ווי דאס איז דא בכל ימות השנה כולה, וואס דאס איז דערפאר וואס פורים דארף זיין עד דלא ידע. ער ברייננט נאר א ראי' אין וואס איז דא דער דוגמא און דער דמיון לשכינה - איז דאס, דאס וואס ער זאגט אין פסוק דעם ענין פון להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים - אויף שכינה. וואס דאס איז בנוגע לעניננו כמדובר לעיל אז פונקט אזוי ווי בהנוגע צו כללות ענין התורה, סוט אויף פורים ביי יעדער אידן אז במשך כל השנה כולה זאל ער זיך ניט באגענוגענען דערמיט וואס קיבלו כבר - ווי זיין מעמד ומצב ווי ער איז געשטאנען ערב פורים, נאר פורים סוט אויף אז דאס וואס איז געווען קיבלו כבר זאל דאס איצטער ביי אים ווערען אין אן אופן פון קיימו, אז ס'ווערט בכל כל הענינים פון מודעא רבה, אפי' ניט קיין סתם מודעא, און ער איז דאס מקבל באהבה [במבואר בארוכה אז דערפאר זאגט מען באהבה דוקא ביי מצות שבת, ווארום דעמולט איז ניט געווען קיין ענין פון כפה הר כגיגיה, משא"כ דאס וואס מ'האט מקבל געווען דערנאך ביי מעמד הר סיני, איז דארטן געווען דער ענין פון מודעא רבה]. איז דאס אויך (וכמדובר לעיל אז מ'זעהט דעם ענין) אין די מצוות פון פורים: ביי מקרא מגילה; ביי משלוח מנות; און ביי מתנות לאביונים. וואס דאס איז כולל כל עניני התורה כולה.

און פון דעם עד דלא ידע בימי הפורים, וואס דעמולט איז ער דאך דומה לשכינה, ווערט דערנאך במשך כל השנה דער להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים, בדוגמא ווי ער זאגט אין תניא (פכ"ט) אז בשעה הלל הזקן איז געגאנגען עסן, האט ער געזאגט אז ער איז הולך לגמול חסד עם העלובה, און ווי די גמרא (שבת לא, א) זאגט אז מה דעלך סני להברך לא תעביד איז דאס כל התורה כולה, וואס דאס איז דער תרגום פון ואהבת לרעך כמוך, איז ער אויך מחי' דעם נפש הבהמית און דעם גוף און חלקו בעולם, וואס זיי זיינען א החהון שאין התחון למטה הימנו - שפלים ונדכאים, און ס'ווערט אין אן אופן פון להחיות, און דאס ווערט דורך דערויף וואס ער טוט שליחותו של הקב"ה "היו מכבדין את המצוה שהם שלוחי" (תנחומא ויגש ז), במילא ווערט ער דומה לשכינה, ווארום שלוחו של אדם כמוהו.

און ס'ווערט א שמחה גדולה ומפוארה שאין למעלה הימנה, אין דעם מעמד ומצב פון עבדי דאחשורוש אנן, און דערנאך איז מען ראס ממשיך און ס'ווערט דער שמחה עולם על ראשם - די שמחה גדולה ומפוארה, ביז אין אן אופן פון ופרצה, בשעה יעלה הפורץ לפנינו דא מלכא משיחא, ויוליכנו קוממיות לארצינו, בקרוב ממש.

ח. ע"פ המדובר לעיל דאס וואס דער רמב"ם שרייבט, און ס'ווערט ראך אזוי אויך אראפגעבראכט אין פוסקים שלאחריו, אז כאטש אפי' ס'איז דא דער ענין פון להרבות בסעודהו עד דלא ידע, און אויך דער ענין פון משלוח מנות איש לרעהו, ס'זאלן זיין וואס מערער מנות איש לרעהו כו', (ווי ס'ברייננט זיך אין פוסקים), קומט דאס אבער ניט צו דעם ענין פון להחיות רוח שפלים וואס דאס זיינען די עניים און גר ויתום ואלמנה וכו', און בכללות שפלים ונדכאים, און ווי דער לשון אין מגילה אביונים, וואס אן אביון איז האב לכל דבר, (רש"י ראה טו, ד) ד.ה. אז אויב מאיזה סיבה שתהי' האט ער ניט די מעגלעכקייט כו', און ער שטעלט אים דאס צו, איז אע"פ אז אין אנדערע ענינים קען ער זיין אן עשיר גדול, נאר ער איז דל באותו ענין ובאותה שעה, איז דעמולט זאגט מען אשרי משכיל אל דל (תהלים מא, א), וואס ער איז א דל באותו שעה און אין דעם ענין, איז אט דעמולט אשריו וטוב לו.

- וואס -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 641 הודפס ע"י אוצר החכמה